קונטרס

# משאלות לבי

**הרחבת המושגים ופתיחת השערים במבוכות הלב**
**בעניני עבודת ה' בכל תחומי החיים**

אשר הושב לשואלים בדרך שאלה ותשובה
ומבקשים את דרך האמת במשנתו של

## רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

הושב בטוב טעם ודעת על ידי

## הגה"ח רבי שאול סירוטה שליט"א

**קונטרס א'**
יו"ל בחודש כסלו - תשפ"ו לפ"ק

די תשובות זענען געענטפערט געווארן
אויף "מערכת ברסלב" טעלפאן ליין

347-745-8480

פאר אלע שו"ת:
דרוקט 9‹7‹0 פאר די אפטיילונג
פון די קונטרסים 'משאלות לבי'

הערות והארות, אדער לנדב ההוצאות
קען מען איבערלאזן ביים אפטיילונג
פון משאלות לבי הנ"ל נומער 2

כל הזכיות שמורות להמו"ל
ואין להעתיקן בלי רשות

צו הערן אלע שיעורים און חיזוק יומי
646-585-3003

## שאלה א'

איז אונזער גשמיות'דיגע צרכים
א סתירה צו עבודת השם ?

## שאלה ב'

איך פארשטיי נישט קיין לערנען.
האט נאך בכלל עפעס א ווערד
מיין זיצן אין כולל ?

### גילוי דעת

כל הנאמרים כאן הם באופן שיחת חברים לבד, ואינם הוראה בכלל, רק לקרב ולא לרחק.

גם באופן לפתוח הענין להקל על האדם לשפוך שיחו לבוראו על זה.

# טרדות

**שאלה**: איך בין א יונגערמאן וואס איז א גאנצן טאג פארנומען מיט גשמיות'דיגע טרדות, פון צאלן רענט, גיין אין באנק, איך בין פארנומען מיט מיינע קינדער, צאלן שכר לימוד, ברענגען פרנסה אין שטוב, עסן, קליידער, און אפילו די מינימאלע הוצאות מאכט מיר פארנומען, ווי אויך בין איך פארנומען עס זאל זיין שלום און א גוטע מצב אין שטוב, אסאך מאל פיל איך א הרגשה, פארוואס לעבט איך אויף דער וועלט? צו זיין א קנעכט פאר די גשמיות?

**תשובה**: איך פארשטיי גאר שטארק דעם ווייטאג, און דער אמת איז אז דעם ווייטאג האבן צדיקים געהאט בכלל, כל זמן זיי האבן נאך געהאט עפעס אן אחיזה אין גוף, און יעדער איינער לפי מדריגתו, ווען ער גייט ארויף מער און מער, ווערט ביי אים דער ווייטאג - פארוואס בין איך געקומען אויף דער וועלט? פאר וועמען בין איך א עבד?

מען פארציילט אויף רבי נתן אז פאר ער איז מקורב געווארן האט מען אים אמאל געשיקט קויפן בייגל, האט ער זיך אויף די וועג שטארק צוויינט אין א פאליש, 'אויף דעם בין איך געקומען אויף די וועלט'?! לבלות את ימי ושנותי בהבל וריק?

## ביי דעם 'מותרות' און ביי יענעם 'קדושה'..

איך גיי נישט ענטפערן אין די שאלה וואס דער שואל פרעגט, צו ער דארף טאקע די אלע גשמיות'דיגע זאכן וואס ער רעכנט אויס - עס איז נישט מיין עסק, און בכלל קיינער קען נישט פסק'נען אויף א צווייטן! "ווייל וואס עס איז 'מותרות' ביי דעם, איז ביי יענעם 'קדושה'."

עס איז באקאנט - דער טייטש פון **ישמח משה** זי"ע, אויף דעם וואס חז"ל זאגן **קדש עצמך במותר 'לך'**, אז יעדער איינער האט א אנדערע **'קדש'**, און א אנדערע **'מותר'**, און א אנדערע **'איסור'** -אויסער חלילה די זאכן וואס עס שטייט אין שו"ע - אבער זאכן וואס ביי איינעם איז דאס עק וועלט אז ער מאכט דאס, און ביי א צווייטן איז דאס גאר זיין 'קדש'.

און אזוי איז ביי אלע גשמיות'דיגע ענינים, מען קען נישט וויסן וואס עס איז דער 'נפש' פון א מענטש, און וואספארא 'נסיונות' ער גייט אריבער, און וואס עס טוט זיך ביי זיין בני בית, און אזוי ווייטער.

אבער מען דארף זיין באווארנט, מען דארף וויסן אז מען דארף אסאך 'תפלה' און 'צעקה' צום אויבערשטן, ער זאל אונז אויסהיטן פון דעם גלות פון גשמיות! דאס וואס מען וויל ענטפערן איז נישט צו געבן א 'הכשר', אז וואס עס איז דא אין גשמיות דארף זיין אזוי! נאר מען רעדט ארום די 'מציאות' אין דער 'הכרחיות' וואס א מענטש געפינט זיך - לפי די 'מציאות' וואס ער 'מיינט' און עס 'קוקט אים אויס' אז עס איז אזוי יעצט! און אויף דעם איז די תשובה.

איז נאכאמאל, קודם כל דארף מען וויסן אז מען דארף אסאך שרייען צום אויבערשטן אז מען זאל אויסגעלייזט ווערן פון די 'עבודות גשמיות', יהיה מה שיהיה, און מען זאל זוכה זיין אז עס זאל זיין די בחינה פון **'ועמדו זרים ורעו צאנכם'** (ישעיה ס"א), און מען זאל נישט דארפן האבן קיין 'טרדות' פון פרנסה, נאר מען זאל אים געבן מן פון הימל! און אוודאי און אוודאי, אז ווען ער האט יא שפע, זאל דאס זיין בקדושה און ערליך!

און מען דארף אויך האבן אסאך התבודדות, טראכטן אויף געוויסע זאכן, צו עס איז נישט קיין 'מותרות', צו עס איז יא 'מותרות', מען דארף אסאך וויינען, און מתפלל זיין צום אויבערשטן, און זיך מתבונן זיין אויף די זאך.

## וואס איז דאס הכרחיות ?

איך וויל יעצט רעדן אויף די חלקים פון די גשמיות "וואס מיר וועלן דאס רופן מיט די נאמען 'הכרחיות' [ד.ה. מינעמאלע לעבנס געברויכן וואס איז אנגענומען אז מען 'מוז' עס האבן] - אף-על-פי וואס די גאנצעווארט 'הכרחיות' דארף א גרויסע הרחבה -ווייל וויאזוי ווערט א זאך הכרחיות?!'ווער' געבט א הסכמה אויף 'וואס'? עס איז

דא געוויסע מענטשן וואס זענען מחליט אויף געוויסע זאכן אז מען מוז עס האבן... און עס ווערט פלוצלונג הכרחיות?! און דעמאלטס קען מען שוין נישט לעבן אנדערש...

עכ"פ - עס איז דא אסאך וואס מרחיב צו זיין אין דעם, וואס עס מיינט טאקע 'הכרחיות', אבער לאמיר זאגן איצטערט איז עס הכרחיות - און איך וועל זיך 'מתייחס' זיין צו א פאר ווערטער וואס ער זאגט אין די שאלה, ווי אזוי גייט מען צו צו דעם.

## זיין מקושר צום רבין אין דעם גאנצן טאג

איך וויל זאגן פאר דעם א מורא'דיגע זאך! איך האב דאס שוין אסאך גערעדט מיט מענטשן, און איך האלט אז עס איז 'אמת עצום', אסאך מאל פילט מען וואס מיינט 'א ברסלב'ער חסיד' - ווען איז ער א 'ברסלב'ער?' דהיינו לאמיר דאס רופן אויף די ריכטיגע 'הגדרה', ווען איז ער מקושר צו זיין רבי'ן, ווען פאלגט ער זיין רבי'ן, ווען איז ער א פארבונדענער צו זיין רבי'ן?

געוויסע פילן – אז ווען ער שטייט אויף חצות, ווען ער מאכט התבודדות, אדער ווען ער איז פריילעך - דעמאלטס פאלגט ער זיין רבי'ן.

אבער דער אמת איז, אז עס איז מעגליך אז עס זאל אזוי זיין - און אזוי דארף צו זיין, אז מען דארף זיין 'מקושר' פיר און צוואנציג שעה צום הייליגן רבי'ן! און ער האט אויף יעדע זאך א עצה!

און מען דארף וויסן אז "דער עיקר פון דעם צדיק איז זיין דעת!" עס איז דא א 'דעת ווי אזוי מען גייט צו אין יעדן פרט אין לעבן, און ווען ער גייט דארטן צו, איז נישט נאר וואס ער איז  נישט קיין 'עבד' פאר די 'גשמיות', נאר ער איז א 'בן חורין!' און ער איז א 'עובד ה'!' און ער איז 'מקושר' צו זיין רבי'ן, און עס ווערט פון דעם 'עולם הבא!'

## א'- דירה

איך וועל צונעמען א ווארט פון וואס ער ברענגט אראפ אין די שאלה, און זעהן ווי 'ווייט' דער בעל דבר קען 'מבלבל' זיין אין דעם.

ער זאגט דארט אז ער איז א גאנצן טאג - פארנומען מיט גשמיות'דיגע טרדות, צאלן רענט, ער דארף גיין שאפן געלט אויף צו האבן א דירה.

איז לאמיר זיך אפשטעלן זען אויף וואס מען האט א דירה? - איך האב נישט קיין ספק אין דעם - אז א ערליכע איד, וואס האט אויפגעשטעלט א מוסד, וואס מען איז מחנך דארט אידישע קינדער א 'ישיבה', א 'כולל', א 'גמ"ח', א הייליגע פלאץ, און פאר דעם וואלגערט ער זיך צו מאכן געלט, וואס אלע צדיקים האבן אין דעם עוסק געווען, אזויווי דער 'רבי' האט געזאגט פאר ר' נפתלי[א] "פארוואס טוט איר עפעס קיין מצוות ניט?!"

ער גייט עוסק זיין אין מצוות, און ער גייט עוסק זיין אין די מצוה הנוראה פון שאפן געלט פאר רענט פון דעם פלאץ ווי די ישיבה וועט זיין!

וואס דארף פילן א 'ברסלב'ער חסיד' ווען ער גייט דארט אין אזא פלאץ? ער איז א מאכער פון געלט? ער איז א שנארער? - איך רעד אויף די ביליגע שפראך וואס מען רופט עס א 'שנארער' - ער איז א ליידיגייער? עס איז דאך קודש קדשים! יעדן טריט וואס ער גייט, גייט ער דאך פאר צדקה, און נישט סתם פאר צדקה, ער גייט צו בויען תורה, ער גייט פאר אידישקייט, ער בויט אידישקייט! קודש קדשים!

איז עס ערגער געווארן, ווייל עס איז ער, און מען רעדט פון זיינע אייגענע קינדער?!

## געשלאפן אין שול אפאר הדשים..

נישט לאנג צוריק האב איך גערעדט מיט א איד, א טייערע יונגערמאן, האט ער מיר געזאגט; אז ער האט אלעמאל געהאלטן ביליג דער געדאנק פון 'א דירה – א דירה', ער האט געהאלטן אז עס איז סתם גשמיות.. ביז עס איז אים אויסגעקומען אז ער איז אריינגעפאלן אין גאר א שווערע ענגע מצב אויף אזוי ווייט אז ער האט נישט געהאט קיין פלאץ פאר זיך און פאר זיין בני בית צו וואוינען! און ער האט

[א] שיחה רנ"ח: הוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד לַעֲשׂוֹת מִצְווֹת הַרְבֵּה. וְהַנִּרְאֶה מִכַּוָּנָתוֹ הָיָה: שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁנִּהְיֶה עוֹסְקִים בְּמִצְווֹת גַּם כֵּן, דְּהַיְנוּ לְקַבֵּץ נְדָבוֹת וְלַעֲסֹק בִּגְמִילוּת חֲסָדִים וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה. וְאָמַר לָנוּ בְּזוֹ הַלָּשׁוֹן: (עֶפִּים טוּט אִיר גָּאר קֵיין מִצְווֹת נִיט?) כְּלוֹם אֵינְכֶם עוֹשִׂים מִצְווֹת כְּלָל, וְכַוָּנָתוֹ הָיָה כַּנַּ"ל.

געדארפט שלאפן אין א שול, און זיין בני בית איז געווען ערגעץ אנדערש פאר א פאר חדשים...

א שרעקליכע מעשה! אבער עכ"פ אזוי איז געווען, א טייערע יונגערמאן, און ער זאגט מיר; ער האט נישט געהאט נישט קיין 'תורה' און נישט קיין 'תפלה', נישט קיין 'ישוב הדעת', זייט דעמאלטס פילט ער אנדערש ווען מען רעדט וועגן א דירה - מען רעדט ער נישט פון מותרות חלילה, פון צענדליגע צימערן -אבער ער זאגט אז דער 'ישוב הדעת' וואס דער 'דירה' האט אים געגעבן, אז ער האט א פלאץ ווי אהיים צו קומען, און ער ווייסט אז זיין ב"ב זענען אויפן פלאץ, ער זאגט מיר אז די זאך איז געווען כולו קודש!

- און נאכאמאל, - מען דארף זיך זייער אכטונג געבן פון מותרות אבער די עצם 'דירה' "כי תפארת לאדם לשבת בו" איז א 'דבר קדוש' און א מצוה פאר זיך.

און נאכדעם, מען גייט דאך דארט האדעווען קינדער, קינדער זאלן זיך וואלגערן אין גאס? עס איז דאך א שמירה א שטוב!

ער צאלט שכירות - פארוואס הייסט ביי אים צאלן רענט 'גשמיות'?! פארוואס זאגט ער נישט קיין 'לשם יחוד' ווען ער גייט ארבעטן אויף רענט, פארוואס הייסט דאס אן עבד פאר גשמיות? ער איז אן עבד פאר 'רוחניות'!

## די 'הייליגע מוסד' אין שטוב

דער בעל דבר האט דא גע'גנב'ט א מורא'דיגע גניבה, און מען טאר אים דאס נישט צולאזן .

ער איז א קנעכט פאר גשמיות?! ער איז א עבד פאר קודש קדשים! א איד האט עוסק געווען אין צדקה!

איך האב פונקט גערעדט מיט א איד אין אמעריקא, האט ער מיר געזאגט; אז אין דעם טאג וואס ער האט חתונה געמאכט זיין קינד, איז ער ארויס פאר א פאר שעה צו גיין נאך געלט פאר אידן, אזא געפיל אין צדקה! אזא 'קדושה' איז צדקה, אזא 'מעלה עליונה' איז צדקה - אוודאי עס איז דא העכערע זאכן, מען מעג 'מתפלל' זיין אז מען זאל זוכה זיין צו עפעס העכערס - אבער צו זאגן אז עס איז אן עבד צו 'גשמיות'? דאס איז זיכער שקר! ער האט עוסק געווען אין עבודת ה'!

און ווי אזוי הייסט אים דער רבי טון 'צדקה'? [ליקו"מ תנינא תורה ד' ואת העורבים'] אז ער זאל מכוון זיין אז עס זאל זיין א פתח וואס עפנט אלע פתחים, און צו אלע זאכן פון עבודת ה'![ב]

און ער זאל 'טאנצן' גייענדיג, ער זאל זיך 'פרייען' גייענדיג, און עס זאל זיין 'ליכטיג' אין זיין הארץ דארטן! און ער זאל דאנקען דעם אויבערשטן, ב"ה, איך האב א הייליגע 'מוסד' וואס הייסט 'שטוב', א בית לה', און א בית וואס מען איז מחנך דארט אויף 'אידישקייט', מען איז מחנך דארט אויף 'תורה ותפלה', און אן די שטוב - וועט נישט קענען זיין דער 'חינוך' און אין די שטוב איז דא 'צניעות', אין די שטוב איז דא 'יראה', אין די שטוב איז דא 'שמחה'!

ער פירט א הייליגע 'מוסד' דאס וואס עס איז "זיינס" נעמט גארנישט אראפ, עס מאכט דאס נישט פאר 'גשמיות'. ער דארף דארט זיין א 'ברסלב'ער', אין מאכן די געלט פון אנהויב ביזן סוף, 'פלאקערדיג' ,'חיות'דיג', דאנקען דעם אויבערשטן אז דו האסט געמאכט נאך א פאר דאלאר און נאך א פאר דאלאר, כדי צו קענען אויסהאלטן די הייליגע מוסד.

ער זאל אין דעם עת רצון, פאר ער גייט ארבעטן, זיך אויסבעטן אויף דעם.

## ב'-עסן

ער דערמאנט אין די שאלה עסן, עסן פון א איד?! עסן פון א איד?! נאכאמאל - עס איז דא א העכערע 'עבודה פון דעם, און ער מעג 'מתפלל' זיין אויף דעם - אבער עסן פון א איד, הייסט דען 'צרכי הגוף'?

[ב] וּצְדָקָה הִיא תָּמִיד הַתְחָלָה, בִּבְחִינַת (דברים ט"ו): פָּתֹחַ תִּפְתַּח; שֶׁאֲפִלּוּ כְּשֶׁיֵּשׁ פֶּתַח וְהַתְחָלָה, הַצְּדָקָה הִיא פּוֹתַחַת יוֹתֵר וְיוֹתֵר וּמַרְחֶבֶת הַפֶּתַח יוֹתֵר, כִּי כָל דָּבָר וְדָבָר מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, כְּשֶׁרוֹצִין לִכָּנֵס בְּאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ וְאוֹתוֹ הָעֲבוֹדָה, צְרִיכִין לִפְתֹּחַ שָׁם פֶּתַח לִכָּנֵס בְּאוֹתוֹ הַדֶּרֶךְ, וְזֶה בְּחִינַת: כָּל הַתְחָלוֹת קָשׁוֹת, מֵחֲמַת שֶׁבַּהַתְחָלָה צְרִיכִין לְשַׁבֵּר וְלִפְתֹּחַ פֶּתַח מֵחָדָשׁ, עַל־כֵּן קָשֶׁה מְאֹד. וּסְגֻלַּת כֹּחַ הַצְּדָקָה – לְהַרְחִיב וְלִפְתֹּחַ הַפֶּתַח יוֹתֵר וְיוֹתֵר, שֶׁכְּשֶׁעוֹשִׂין אֵיזֶהוּ פֶּתַח בְּאֵיזֶה עֲבוֹדָה וְנוֹתְנִין צְדָקָה, אֲזַי הַצְּדָקָה פּוֹתַחַת וּמַרְחֶבֶת הַפֶּתַח יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי צְדָקָה הִיא הַהַתְחָלָה שֶׁל כָּל הַהַתְחָלוֹת, כִּי הִיא פּוֹתַחַת וּמַרְחֶבֶת כָּל הַפְּתָחִים כַּנַּ"ל. וְגַם בִּצְדָקָה עַצְמָהּ יֵשׁ הַתְחָלָה, דְּהַיְנוּ כְּשֶׁמַּתְחִילִין לִתֵּן צְדָקָה, שֶׁזֶּה בְּחִינַת: וְאֶת הָעֹרְבִים צִוִּיתִי כַּנַּ"ל, וְעַל כֵּן הַתְחָלַת הַצְּדָקָה הִיא קָשָׁה וּכְבֵדָה מְאֹד, כִּי הִיא בְּחִינַת הַתְחָלָה שֶׁל כָּל הַהַתְחָלוֹת כַּנַּ"ל:

דער רבי ברענגט אין תורה ד' אין צווייטן חלק[ג]: **צרכי הגוף הם רבים מאד ואפילו ההכרחיות הם רבים וגדולים מאד, אכילה ושתיה מלבושים דירות**, ער קען מבלה זיין אויף דעם אליינס ימים ושנים והם מונעים את האדם מאד מעבודת הבורא.

ואף-על-פי שגם הם בעצמם הם גם כן עבודת הבורא יתברך, זאגט דער רבי; אבער וויבאלד עס איז דאך דא א זאך - אז אויב מען וועט אים געבן מיט א שפע מלמעלה, וועט ער נישט דארפן עוסק זיין אין דעם.

און דער רבי זאגט דארט "מורא'דיגע דיבורים!" פארוואס הייסט דאס עבודת הבורא? ווייל ווען א מענטש מאכט די 'משא ומתן', זאגט ער; כשעושה המלאכה, נישט נאר 'משא ומתן', נאר אלע 'מלאכות', אלע ל"ט מלאכות, כשעושה המלאכה כראוי כמו שצריך לעשות, דאס מיינט אין אידיש - 'ערליך' – 'בנאמנות', **"על-ידי-זה נותן חיות והארה במעשה בראשית והיא קיום העולם, נמצא שזה גם כן עבודת הבורא"!**

אבער - עס איז דא העכער'ס פון דעם, אז מען געבט אים מלמעלה א שפע, און ער דארף נישט צוקומען צו די ארבעט. - אבער בעצם איז דאס עבודת הבורא! ווער רעדט שוין פונעם עצם עסן, וואס ר' נתן איז דאך אזוי פיל 'מרחיב' אין דעם, אז דער

---

[ג] ושם באות ג': כִּי צָרְכֵי הַגּוּף הֵם רַבִּים מְאֹד, וַאֲפִלּוּ הַהֶכְרֵחִיּוֹת הֵם רַבִּים וּגְדוֹלִים מְאֹד, אֲכִילָה וּשְׁתִיָּה וּמַלְבּוּשִׁים וְדִירוֹת, שֶׁיְּכוֹלִין לְבַלּוֹת יָמָיו וְשָׁנָיו אֲפִלּוּ עַל הַהֶכְרֵחִיּוֹת לְבַד, וְהֵם מוֹנְעִין אֶת הָאָדָם מְאֹד מֵעֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא, וְאַף־עַל־פִּי שֶׁגַּם הֵם בְּעַצְמָן הֵם גַּם כֵּן עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ וכו', כִּי הֵם בְּחִינַת אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא וכו', כִּי עַל־יְדֵי הָעֲסָקִים וְהַמְּלָאכוֹת שֶׁעוֹשִׂים, נַעֲשֶׂה עַל־יְדֵי־זֶה בְּחִינַת מִשְׁכָּן. כִּי כָל הַמְּלָאכוֹת כְּלוּלִים בְּל"ט מְלָאכוֹת שֶׁהֵם אֲבוֹת מְלָאכוֹת, אָבוֹת מִכְּלָל דְּאִיכָּא תּוֹלָדוֹת (ב"ק ב.) כִּי כָל מִינֵי מְלָאכוֹת וַעֲסָקִים שֶׁעוֹשִׂין, כֻּלָּם כְּלוּלִים בְּל"ט מְלָאכוֹת שֶׁהֵם הָאָבוֹת, וְהַשְּׁאָר הֵם תּוֹלָדוֹת. וְל"ט מְלָאכוֹת הֵם כְּנֶגֶד מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן,וכו כְּשֶׁעוֹשֶׂה הַמְּלָאכָה וְהָעֵסֶק כָּרָאוּי, כְּמוֹ שֶׁצָּרִיךְ לַעֲשׂוֹת, וְעַל־יְדֵי־זֶה נוֹתֵן חִיּוּת וְהֶאָרָה לְמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, וְהוּא קִיּוּם הָעוֹלָם. נִמְצָא שֶׁגַּם זֶה הוּא עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא:

אַף־עַל־פִּי־כֵן אִם הָיָה שׁוֹפֵעַ עָלֵינוּ חַסְדּוֹ, לֹא הָיִינוּ צְרִיכִים לְכָל זֶה, כִּי הֲלֹא אֵיךְ בָּרָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אֶת כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ אַחַר הֶעְדֵּר הַגָּמוּר, שֶׁלֹּא הָיָה שׁוּם הֲוָיָה שֶׁיִּהְיֶה עַל יָדָהּ אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא, וְאַף־עַל־פִּי־כֵן בָּרָא עוֹלָמוֹת כָּאֵלּוּ. וְהַכֹּל בְּחַסְדּוֹ בְּלִי אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא כְּלָל, בִּבְחִינַת (תהלים פ"ט) עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה. וּמֵאַחַר שֶׁהוּא יִתְבָּרַךְ הָיָה יָכוֹל לִבְרֹא עוֹלָמוֹת כָּאֵלּוּ בְּלִי אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא כְּלָל, רַק עַל־יְדֵי חַסְדּוֹ, בְּוַדַּאי הוּא יָכוֹל לְהַחֲיוֹת וּלְקַיֵּם הָעוֹלָמוֹת רַק עַל־יְדֵי חַסְדּוֹ, וְלֹא הָיִינוּ צְרִיכִים לַעֲשׂוֹת כְּלָל שׁוּם עֵסֶק וּמְלָאכָה, וַאֲפִלּוּ הַהֶכְרֵחִיּוֹת הָיוּ נַעֲשִׂין עַל־יְדֵי אֲחֵרִים וכו'.

קיום וחיבור 'הגוף' צו די 'נשמה', און די 'בירורים' וואס עס ווערט בשעת אכילה. און עס איז פיל אין ליקוטי מוהר"ן, עס איז כדאי דאס צו לערנען.[ד]

## ג'-"משא ומתן באמונה"

משא ומתן איז איינע פון די "שענסטע סוגיות" וואס דער הייליגער רבי איז מרחיב אין דעם, תורה ל"ה, און נאך אסאך אסאך תורות וואס רעדן וועגן 'משא ומתן באמונה', תורה נ"ד.

און עס זענען דא גאנצע 'לימודים' ווי אזוי מען גייט צו צו משא ומתן באמונה! וואס מען זאל אינזין האבן בשעת משא ומתן! א שטיק עבודת ה'! - מען דארף מתפלל זיין אויף העכערס, - אבער ער איז נישט יעצט קיין 'עבד' צו 'גשמיות'!

ר' נתן ברענגט אין הל' דיינים הלכה ד': זאגט ער אז וואס א מענטש מאכט הן 'אכילה ושתיה', או איזה 'מלאכה' זאגט ער, דארף ער זיך מקשר זיין, זיין מחשבה מיט די 'תורה' וואס עס איז 'מלובש' אין דער זאך, "ולהתחזק באמונה יתירה להאמין שהכל מאתו יתברך" - ער זאל גלייבן אז דער אויבערשטער האט מיר מזמין געווען די זאך, און וואס זאגט מיר די תורה ווי אזוי דארף איך זיך פירן יעצט 'בקדושה' 'באמונה' 'וביראה', וואס פאר א 'געלעגנהייט' האב איך צו קענען ממליך זיין דעם

[ד] פוק חזי בכל ספרי רביה"ק ומוהרנ"ת שהם מלאים וגדושים בענין זה, וקצתן נזכיר כאן ונעתיק לשון קדשו של מוהרנ"ת הק' זי"ע בליקו"ה הל' חלה ה"ד, ג. וזלה"ק: וְזֶהוּ הַהֵפֶךְ מַמָּשׁ מֵהַנְּפִילוֹת שֶׁל רֹב הָעוֹלָם שֶׁעַל-פִּי רֹב נוֹפְלִים בְּדַעְתֵּיהֶם מֵחֲמַת מַעֲשֵׂיהֶם שֶׁאֵינָם כַּהֹגֶן וְרַבִּים מְיָאֲשִׁים אֶת עַצְמָם, כַּיָּדוּעַ רָעָה חוֹלָה הַזֹּאת תַּחַת הַשֶּׁמֶשׁ. וְרֹב הַנְּפִילוֹת הֵם עַל-יְדֵי הָאֲכִילָה, כַּמְבֹאָר בְּדִבְרֵי רַבֵּינוּ ז"ל בְּמָקוֹם אַחֵר, בְּוַדַּאי כָּל זְמַן שֶׁאֵין זוֹכֶה לְקַדְּשָׁה כָּרָאוּי בְּוַדַּאי אֵינוֹ אוֹכֵל בִּקְדֻשָּׁה וְטָהֳרָה כָּרָאוּי. וּמֵחֲמַת זֶה דֶּרֶךְ הַרְבֵּה לִפֹּל בְּדַעְתָּם בְּכָל פַּעַם מֵחֲמַת הָאֲכִילָה. וּבֶאֱמֶת כָּל זֶה מַעֲשֵׂה בַּעַל דָּבָר, כִּי אָסוּר לִפֹּל בְּדַעְתּוֹ מִשּׁוּם דָּבָר, כַּמְבֹאָר בִּדְבָרֵינוּ פְּעָמִים אֵין מִסְפָּר, אַדְּרַבָּא צְרִיכִין לְחַזֵּק אֶת עַצְמוֹ בְּכָל פַּעַם בְּכָל יוֹם כַּנַּ"ל, וּבִפְרָט בִּשְׁעַת הָאֲכִילָה שֶׁאָסוּר לִהְיוֹת אָז אִישׁ עָצֵל (שֶׁקּוֹרִין שְׁלֵימַזְלְנִיק) כְּמוֹ שֶׁמְּבֹאָר שָׁם, רַק לִהְיוֹת אִישׁ חַיִל עַד שֶׁיִּזְכֶּה לְהֶאָרַת הָרָצוֹן בִּשְׁעַת הָאֲכִילָה דַּיְקָא, הַיְנוּ כִּי לֹא דַּי שֶׁאָסוּר לִפֹּל בְּדַעְתּוֹ עַל-יְדֵי אֲכִילָתוֹ, אַדְּרַבָּא צְרִיכִין לֵידַע וּלְהַאֲמִין שֶׁאֲכִילַת אִישׁ הַיִּשְׂרְאֵלִי יְקָרָה מְאֹד מֵאַחַר שֶׁאֲכִילָתוֹ עַל-פִּי הַתּוֹרָה עַל כָּל פָּנִים שֶׁאֵינוֹ אוֹכֵל דָּבָר הָאָסוּר חַס וְשָׁלוֹם רַק הַכֹּל עַל-פִּי הַתּוֹרָה, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: "וְתוֹרָתְךָ בְּתוֹךְ מֵעָי", כְּמוֹ שֶׁפֵּרֵשׁ רַשִׁ"י שָׁם: 'כָּל מַאֲכָלַי עַל פִּיךָ'. וְגַם מְבָרֵךְ עַל כָּל דָּבָר תְּחִלָּה וָסוֹף. וְעַל-יְדֵי-זֶה כָּל אָדָם מִיִּשְׂרָאֵל מְבָרֵר בֵּרוּרִים הַרְבֵּה בַּאֲכִילָתוֹ וְיֵשׁ לוֹ לֶאֱכֹל בְּשִׂמְחָה וּבְהִתְחַזְּקוּת גָּדוֹל בַּה' יִתְבָּרַךְ וְלֵידַע כִּי מְלֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ וַה' עִמּוֹ וְכוּ' כַּנַּ"ל, עַד שֶׁיִּזְכֶּה בִּשְׁעַת אֲכִילָתוֹ דַּיְקָא לְהֶאָרַת הָרָצוֹן שֶׁיִּשְׁתּוֹקֵק אָז דַּיְקָא לַה' יִתְבָּרַךְ בְּרָצוֹן מֻפְלָג מְאֹד, וְאָז הוּא תַּכְלִית שְׁלֵמוּת הַבֵּרוּר שֶׁל כָּל הַנִּיצוֹצוֹת שֶׁעוֹלִים לְשָׁרְשָׁם הָעֶלְיוֹן כַּנַּ"ל:

אויבערשטן אינמיטן די זאך וואס איך טו! צו אז איך זאל זיך פירן 'בנאמנות בישרות', זיך אכטונג געבן אויף מיינע 'אויגן', איך זאל האבן 'בטחון', איך זאל נישט ווערן 'בכעס' אין די פלאץ וואו איך מאך דאס, איך זאל דאנקען און אלעס מייחד זיין צום אויבערשטן! און אזוי ווייטער.

זאגט ר' נתן, אז דעמאלטס איז ער מברר ניצוצות ע"י העסק שעוסק.

זאגט ער א מבהיל'דיגע זאך! **וכשעוסק בכל העסקים שבעולם בקדושה זאת, עי"ז מתקדש ב'שלש' קדושות שהם קדושת 'המחשבה' 'והדיבור' 'והמעשה', ואזי נתעלה קדושתו ית' למעלה בכל השלש קדושות, כי באתערותא דלתתא איתעיר לעילא, ועי"ז נתגלה כי מלא כל הארץ כבודו, כי מגלים שבכל דבר שבעולם מלובש כבוד אלקותו ית', וזהו 'קדוש' 'קדוש' 'קדוש' ה' צבקות מלא כל הארץ כבודו**, ווייל דורכדעם וואס א מענטש איז זיך מקדש זיין 'מחשבה' 'דיבור' און 'מעשה', אין די פעולות 'גשמיות' וואס ער טוט, ווערט פון דעם 'נתגלה' קדושתו ית' למעלה מיט די 'שלש' קדושות, און **עי"ז** 'נתגלה' **כי מלא כל הארץ כבודו**, **'ומגלה' שבכל דבר שבעולם מלובש כבוד אלקותו יתברך**, און דאס איז - ער איז **מקדיש שם ה' ב'שלש' קדושות!**

'אכילה' זאגט ער מפורש, 'אכילה ושתיה איזה מלאכה' וואס ער האט געטון אין שטוב, נישט נאר ער איז נישט קיין עבד פון 'גשמיות', נאר "קדוש קדוש קדוש"!

## ד'-'שלום'- ימחה שמי..

ער איז פארנומען אז עס זאל זיין שלום! אויף שלום אין א שטוב זאגט דער אויבערשטער, **'ימחה שמי על המים'**, פאר דעם האלט ער די וועלט, פאר דעם קדושה פון דעם שלום!'

פארשטייט זיך אז מען דארף וועלן, אז עס זאל זיין שלום, אזויווי דער רבי ברענגט אין תורה כ"ז [ה], אז דער תכלית פון שלום איז אריינצוברענגען אידישקייט אין שטוב, אבער עצם שלום אין שטוב איז דאך א מורא'דיגע זאך.

[ה] ושם באות א: כִּי לִמְשֹׁךְ אֶת כָּל הָעוֹלָם לַעֲבוֹדָתוֹ לְעָבְדוֹ שְׁכֶם אֶחָד, וְכֻלָּם יַשְׁלִיכוּ אֱלִילֵי כַּסְפָּם וּזְהָבָם וְיִתְפַּלְּלוּ אֶל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְבַד - זֶה הַדָּבָר נַעֲשֶׂה בְּכָל דּוֹר וָדוֹר לְפִי הַשָּׁלוֹם שֶׁבַּדּוֹר, כִּי עַל־יְדֵי הַשָּׁלוֹם שֶׁיֵּשׁ בֵּין בְּנֵי הָאָדָם, וְהֵם חוֹקְרִים וּמַסְבִּירִים זֶה לָזֶה הָאֱמֶת, עַל־יְדֵי־זֶה מַשְׁלִיךְ כָּל אִישׁ אֶת שֶׁקֶר אֱלִילֵי כַּסְפּוֹ, וּמְקָרֵב אֶת עַצְמוֹ לְהָאֱמֶת:

דער אויבערשטער האט פאר דעם משנה געווען דבריו, שטייט אין חז"ל ער האט איבערגעזאגט פאר אברהם אבינו נישט אזוי ווי שרה האט באמת געזאגט, ווייל ער האט משנה געווען מפני השלום[1].

מען האט נישט אויסגערעכנט קיין טפה מן הים ממש, פון וואס דער רבי רעדט, וויפיל מען קען מקשר זיין גשמיות צו רוחניות! און זוכן אין יעדן פלאץ ווייל מען קען דארטן זיין אמת'דיג מקושר צום צדיק אין אלע זאכן, ער זאל זיין א עבד פאר רוחניות! ממש פאר א עבד פאר רוחניות.

און עס איז א גרויסע 'עצת היצר' די זאך, נאר וואס א מענטש טוט - צו ער דארף טון אדער נישט, אויף דעם זאל ער מאכן אסאך התבודדות - אבער וואס ער טוט זאל ער דאס טון מיט א מורא'דיגע 'חיפוש' מיט וואס בין איך ממליך דעם אויבערשטן אין דעם פלאץ!

## א 'עבד' אדער א 'עובד'..

א מענטש קען אפילו זיין א פלאמבער, און ער זאל דארטן זיין דבוק צום הייליגן רבי'ן! ער איז ממליך דעם אויבערשטן אין דעם פלאץ, ער ווייסט אז די אלע שוועריקייטן קומט פון אים, און ער גיבט מיר די פרנסה, און ער האט 'בטחון', און ער ווערט נישט אין כעס, און ער האט 'אמונה', און ער האט 'השתוקקות', און ער האט 'שמירת עינים', און ער טראכט - פארוואס מאך איך די געלט? און - אז ווען איך וועל מאכן די געלט וועל איך געבן צדקה, דעמאלטס איז ער א שטיק געטליכקייט אין דעם גוף וואס ער געפינט זיך!

ער איז נישט קיין עבד פון 'גשמיות', ער איז א עבד פון 'רוחניות', ער איז מקושר צו רוחניות! ער קען שטייגן פון דעם, ער קען בליען פון דעם.

**און פארקערט קען אויך זיין אז א מענטש קען זיך געפינען ביי די גרעסטע פאזיציע אין וואס עס רופט זיך עבודת ה' - און ער זאל פארגעסן אז עס איז דא א בורא!**

---

[1] בראשית י"ז פסוק יג: וַיֹּאמֶר יי אֶל־אַבְרָהָם לָמָּה זֶּה צָחֲקָה שָׂרָה לֵאמֹר הַאַף אֻמְנָם אֵלֵד וַאֲנִי זָקַנְתִּי: ופירוש רש"י: וַאֲנִי זָקַנְתִּי. שִׁנָּה הַכָּתוּב מִפְּנֵי הַשָּׁלוֹם, שֶׁהֲרֵי הִיא אָמְרָה וַאדֹנִי זָקֵן:

עס האט מיר אמאל געקלינגען א יונגערמאן, מיט א גרויסן ווייטאג, אז איינער פון זיינע עלטערן זענען ל"ע נפטר געווארן, און די משפחה זיינע האבן זיך אונטערגעגארטלט צו זיין מיטן צווייטן וואס איז איבער געבליבן, און עס איז שווער ווייל מען דארף יעדן מאל אוועקגעבן נאך און נאך און נאך, און מען דארף זיצן און רעדן און פארברענגען, איינקויפן און באדינען, יענער איז שוין א עלטערע.

האב איך אים געזאגט, ווי אזוי רעדט א איד?! עס איז דאך פון די עשרת הדברות! "כבד את אביך ואת אמך ,"אזא קדושה!

עס איז פונקט ווי איינער וועט זאגן 'אוי עס טוט זיך אפ א שבת', מען דארף 'עסן' שבת, און נאכאמאל מיט די 'אכילה' און יענע 'אכילה' עס איז אזא 'גשמיות'... דער רבי זאגט[ז], אז "אכילת שבת איז כולו קודש כולו אלקות".

עס ווענדט זיך נאר ווי אזוי דו גייסט צו צו דעם! אויב ביסטו ביי דיר אין די אויגן געווארן, אזוי ווי מען רופט אמאל א שווארצן אדער די אנדערע סארט 'גוים' וואס מען טשעפעט צו צו אן אלטן איד, אים צו באדינען איז דאס באמת א פראבלעם, ער קוקט זיך אן אזוי מבוזה.

אבער ווען א איד קוקט אויף דעם מיט די ריכטיגע בליק, וועט ער זעהן אז מען רעדט פון קודש קדשים! אזא חסד! - חז"ל זאגן אז עס שטייט "עושה צדקה בכל עת, זה הזן בניו הקטנים", [כתובות נ.] עס איז צדקה, חסד, רחמנות, קדושה, חינוך, און וואס נישט, ער איז עוסק בקדשי קדשים!

## אנטוישט פונעם בית המקדש...

די וועלט זאגט נאך, אמאל איז געקומען א עם הארץ פונדערווייטנס, ער איז געקומען צום 'בית המקדש', פארדעם האט מען אים געהאט אנגעגרייט איבער די גרויסקייט פון דער 'בית המקדש, בית המקדש'! ער איז ענדליך אנגעקומען אין 'בית

[ז] ליקו"מ נ"ז , באות ה: וְעֹנֶג שַׁבָּת הַזֶּה, זֶה בְּחִינַת אֲכִילָה בִּקְדֻשָּׁה, כִּי אֲכִילַת יְמֵי הַחֹל נֶהֱנֶה מִמֶּנָּה גַּם כֵּן הַסִּטְרָא אָחֳרָא, אֲבָל מֵאֲכִילַת שַׁבָּת אֵין חֵלֶק לַסִּטְרָא אָחֳרָא כְּלָל וּכְלָל. וְזֶה שֶׁצִּוָּה אוֹתָנוּ עַל אֲכִילַת שַׁבָּת, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (שמות טז) אִכְלוּהוּ הַיּוֹם כִּי שַׁבָּת הַיּוֹם לַה', כִּי אֲכִילַת שַׁבָּת נַעֲשֶׂה קְדֻשָּׁה וֶאֱלֹקוּת גָּמוּר, בְּלֹא תַּעֲרֹבֶת סִיגִים כְּלָל. וְיָכוֹל לִפְעֹל בַּאֲכִילַת שַׁבָּת, מַה שֶּׁפּוֹעֵל בְּתַעֲנִית, הַיְנוּ לְהַפִּיל אוֹיְבָיו לְפָנָיו בִּזְכוּת עֹנֶג שַׁבָּת, כְּמוֹ שֶׁפּוֹעֵל בְּצוֹם. וְעַל שֵׁם זֶה נִקְרָא שַׁבָּת, כִּי בִּסְגֻלָּתוֹ לְהַשְׁבִּית אוֹיֵב וּמִתְנַקֵּם:

המקדש', האט ער געזען דארט א 'בית מטבחיים', ווי מען נעמט בעלי חיים, און מען שעכט, און מען בראט, מען עסט דאס...

האט ער זיך אנגערופן עה' דאס איז די 'בית המקדש'?! ער איז געווען אינגאנצן אנטוישט, נישט דאס האט ער געמיינט מיטן 'בית המקדש', ער האט געמיינט אז ער גייט זעהן עפעס העכערס...

דאס איז אונזער תפקיד אויף דער וועלט.

איך האב דאס אמאל גערעדט 'כלפי א ווייב אין שטוב', ווי אזוי אויפצוהייבן איר עבודת הבית אין שטוב, אבער מיר דארף דאס וויסן, אז עס איז גארנישט וויניגער 'כלפי אונז', און דאס איז איינע פון די גרעסטע שעשועים פון השי"ת, ווען מען איז מחבר די ענינים גשמיים צו רוחניות.

ר' נתן (הל' ערב הלכה ג', ביים אנהייב הלכה און ביים סוף הלכה, ער איז זייער מאריך אין דעם, ער זאגט דברים נוראים) זאגט ער: אז די 'נשמה' וואס בלייבט אין 'גוף', די גאנצע סיבה פארוואס די נשמה האלט זיך אין גוף, איז - ווייל זי ווייסט אז אין יעדן זאך אין יעדע 'דבר גשמי', די 'אכילה ושתיה' און אלע אנדערע צרכים וואס א מענטש האט, איז דארט באהאלטן 'רצונות' פון אויבערשטן, און דערפאר האלט זי זיך נאך ווייל זי וויל ארויסברענגען דעם 'רצון' לאור עולם. דאס איז די נשמה. **טאקע אויף וואס אונז זענען מואס בענקט זיך די 'נשמה'.**

## סוף דבר: פארבינדן ביי יעדע זאך צום אויבערשטן

און נאכאמאל וועלן מיר אויספירן מיט וואס מיר האבן דערמאנט אפאר מאל, אז מען מעג מתפלל זיין אז דער אויבערשטער זאל אונז געבן א גרויסע 'הרחבת הדעת', אז מען זאל קענען זיצן 'על התורה ועל העבודה', און מען זאל נישט דארפן האבן צו טון מיט קיין שום 'עבודה גשמיות', און קענען עוסק זיין נאר אין 'קדשי קדשים' - אבער ווען דער אויבערשטער איז מזמין פאר א מענטש אזא סארט זאך, איז ער מחויב צו מקיים זיין בְּכָל דְּרָכֶיךָ דָעֵהוּ וְהוּא יְיַשֵּׁר אֹרְחֹתֶיךָ [משלי ג' ו' ], פארבינדט זיך צו די אמת פון די זאך, אין יעדע זאך זאל ער טראכטן דעם 'שכל שבכל דבר', און זיך מקשר זיין 'אל השכל שבכל דבר', וויסן וואס איז די 'תורה' דא היצטערט, מיט וואס קען איך יעצט ממליך זיין דעם אויבערשטן.

וואס איז די זאך וואס איך וועל קענען טון א 'נחת רוח' פארן באשעפער פון די מעשה וואס איך טו יעצט, און די מחשבה וועט אים 'מקדש' זיין און 'מטהר' זיין און 'מרומם' זיין, און דאס וועט אים אויך צוברענגען אז ער זאל באמת קענען דינען דעם אויבערשטן פרייליכערהייט.

זאל דער אויבערשטער העלפן, מיר שטייען יעצט אין די ימי השובבי"ם הקדושים, די בירור וואס אידן האבן געמאכט מיט זייער 'עמל הגשמי', אין מצרים מען קען זיך נישט פארשטעלן די 'ניצוצות הקדושה' וואס אידן האבן מברר געווען, אפילו עס האט אויסגעקוקט אזוי נידעריג.

און דערנאך האבן זיי באקומען א 'מעשה משכן', וואס דאס איז אויך געווען פון דברים 'גשמיים', אוודאי עס איז עבודת קודש קדשים, אבער זיי האבן עוסק געווען יעדער איינער מיט זיין שטיק 'יריעת עיזים', אבער וויבאלד זיי האבן געהאט די 'נדבת לב', און די גוטע 'רצונות', איז געווארן פון דעם 'השראת השכינה', קודש קדשים!

דאס איז דער 'עיקר לימוד' וואס דער רבי לערנט אונז, ווי אזוי איז מען מעלה אלע חלקים גשמיים פון אלע שפלות'דיגע פלעצער, עס זאל ווערן נאר קרבת אלקים.

**דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זוכה זיין צו דעם פרייליכערהייט, מען זאל זוכה זיין צו זיין דבוק און מקושר צו אים לעולמי עד ולנצח נצחים.**

# יגיעות התורה

**שאלה:** שוין פון אלץ קינד, מוטשע איך מיר זייער מיט די נושא פון הבנת התורה, איך קען נישט פארשטיין קיין בלאט גמרא. נאר נאך דעם וואס איך מוטשע מיר שעות פארשטיי איך אביסל. איך האב ממש א מחלה אז איך קען נישט לערנען בעיון, ווער רעדט נאך וועגן תוס', אפילו פשוט'ע גמרא רש"י, קען איך מיר נישט קאנצעטרירן, צו לערנען אביסל בעיון.

איך וויל נישט נעמען קיין פיסכאלאגישע עצות וואס רעדן וועגן דעם נושא, איך וויל א תורה'דיגע עצה, איך בין עוסק בתורה ועבודה, אבער ביי דער ענין איז מיר מורא'דיג שווער וויאזוי זיך צו צוזאמנעמען ביים לערנען דעם מוח און מעיין זיין.

די בעסטע יארן לויפן אריבער, די קינדער וואקסן אויף, איך לערן אין כולל, און איך טראכט אפשר זאל איך ארויס גיין פון כולל.

**וואס זאל איך טון?** זאל איך גיין ארבעטן, אדער בלייבן זיצן אין כולל? אבער פארוואס זאל איך בלייבן זיצן אין כולל אז איך האב ממילא נישט קיין תועלת? בני גילי האבן שוין געענדיגט גאנץ ש"ס, און איך האלט נישט אין ערגעץ...

בפרט אז עס איז א שאלה פון גניבה ווייל עס איז דא א תקנה פון כולל, אז מען דארף פארשטיין לערנען, און איך פארשטיי כמעט גארנישט.

אפשר איז דא א מהלך פון אנהייבן צו זאגן, לימוד בדרך אמירה?

איז דא עפעס א עצה איך זאל נאך קענען פארשטיין לערנען? אדער אפשר איז דא אזא סארט מציאות אויך, אז אזוי בלייבט עס, איך בין אן עם הארץ, און דאס איז דאס, און איך קען מיך גיין ארבעטן.

**תשובה**: מיר וועלן פרובירן אביסל ליכטיג מאכן דא אפאר ווינקלען אין די פארוויסטיגטע און ברייטע שאלה.

מיר וועלן רעדן פון אפאר נקודות וואס ער איז מציין אין די שאלה.

## צו איז דא תועלת פון סתם זיצן אין כולל?

ערשטענס וועלן מיר זיך אפשטעלן אויף די זאך וואס ער זאגט, *"איך זע נישט קיין תועלת, אפשר זאל איך גיין ארבעטן, וואס האב איך צו זיצן אין כולל, אז איך האב ממילא נישט קיין תועלת"*.

קודם וועט מען רעדן אויף די נקודה, די סכנה פון דעם, בפרט אין די היינטיגע גאס.

איך וועל אראפלייגן א הנחה, אז דער מציאות איז- אז דער יונגערמאן ווען ער פרעגט די שאלה, האט ער א מעגליכקייט צו בלייבן לערנען ווי ער לערנט ביז יעצט, נאר די שאלה איז טאקע ווי ער באטאנט, אז וואס איז די תועלת דערפון? ער האט ממילא נישט קיין תועלת. עד כאן.

דער הייליגער רבי זאגט אין ספר המדות [ערך לימוד אות י'] : **כל ידיעה במשפטי התורה הן מצוות שבין אדם לחבירו הן מצוות שבין אדם לקונו הידיעה הזאת בעצמה היא הצלחת הנפש**, דער רבי זאגט נישט תוס', ער זאגט נישט ראשונים, ער זאגט נישט קיין לומדות, ער זאגט נישט אז ער האט געמאכט מערכות אויף דעם.

א מענטש וואס האט א ידיעה במשפטי התורה, ער ווייסט א מצוה שבין אדם לחבירו, ער ווייסט אז מען טאר נישט גנב'נען, ער ווייסט אז מען טאר נישט גזל'ן, ער ווייסט אז מען טאר נישט פארשעמען, און אזוי אלע הלכות, ברייטערע הלכות, קלענערע הלכות, און אזוי אויך מצות שבין אדם לקונו, ער לערנט נאך א 'אמת', נאך א זאך.

הידיעה הזאת בעצמו היא הצלחת הנפש, **נישט נאר אז עס איז נישט אזויווי ער זאגט אז עס איז נישט דא קיין תועלת, נאר פארקערט ער איז א מוצלח, זיין נפש האט מצליח געווען!** ער ווייסט א ידיעה במשפטי התורה, ער ווייסט א ידיעה, נאך פארן מקיים זיין, די ידיעה אליין איז א געוואלדיגע הצלחה.

און עס איז ברור כשמש  דער שואל זאגט דאך דאס מפורש אין די שאלה, ער פארשטייט אביסל נאכדעם וואס ער מוטשעט זיך שעות, איז דאך דא א געוואלדיגע הצלחה! דער יונגערמאן איז א מוצלח, ער איז גאר גאר א גרויסער מוצלח! עס איז נישטא קיין גרעסערע הצלחה ווי דער הצלחה, אז א מענטש ווייסט צום סוף, ער האט פארשטאנען.זאגן אויף אזא זאך אז עס איז נישטא קיין תועלת, די זאך איז דאך אזא מין שקר.

## די תשובה פונעם תם

איך בין זיך מתייחס צו נאך א נקודה פון זיין שאלה, וואס ער פרעגט - אז אנדערע יונגעלייט אין זיין עלטער האבן שוין געענדיגט גאנץ ש"ס.

דער רבי דערציילט א מעשה פון חכם ותם, - דאס איז דאך די מעשה הנורא פון די מלחמה בעמלק, בפרט בדור האחרון, די מלחמה פון תמימות מיט חכמות.

אין די מעשה שטייט, אז עס איז געקומען די ווייב פונעם תם און אים געזאגט: 'פארוואס פארדינסטו אזוי ווייניג אין די צייט וואס אלע דיינע חברים פארדינען אסאך מער'?

לאמיר עס זאגן אין אנדערע ווערטער אזויווי ביי אונזער מעשה: אנדערע ענדיגן גאנץ ש"ס, און דו זעסט אויס ווי אזוי דו זעסט אויס.

און אויף דעם האט ער געענטפערט 'די באוואוסטע פלאקער'דיגע ווערטער' וואס האט שוין געראטעוועט אסאך מענטשן פון שאול תחתית, אז ער האט געזאגט 'וואס האט דאס מיט מיר? **דאס איז יענעמ'ס מעשה און דאס איז מיין מעשה**.'

און ער האט דווקא אנגעהויבן אויסרעכענען, וואס ער פארדינט, און ער האט זיך נישט געלאזט מבלבל זיין פון דעם וואס זיינע חברים זענען מער מצליח פון אים. און ער האט געזאגט: מה לי בזה – זה מעשה שלו וזה מעשה שלי, און דער רבי האט געזאגט בפירוש, אז עס גייט ארויף אויף עבודת ה'.

און דער הייליגער ר' נתן ברענגט אין ליקוטי הלכות [הל' פסח הלכה ט' אות כ"ב,] אויף דער חיוב פון צו גיין בדרכי התמימות, און זיין בשמחה תמיד, אפילו ווען א מענטש איז בעניות ובדחקות, זאגט ער, אז אפילו ער זעט אז זיינע חברים זענען בתורה ובתפלה גדולים ממנו, און ער זאגט בפירוש 'בתורה' ובתפילה' אלפים פעמים גדולים ממנו, דהיינו זאגן אין אווארט, אלפים מיינט דאך לכה"פ צוויי טויזנט, צוויי טויזנט מאל מער ווי אים, בשעת ווען ער האט געענדיגט צוויי בלאט, האבן זיינע חברים געענדיגט פיר טויזנט בלאט, אלפים פעמים!

## אל יפול בדעתו מזה, רק יהיה שמח בחלקו תמיד!

אל יפול בדעתו מזה כלל, זאגט ער, ער זאל גארנישט אראפפאלן פון דעם, רק יהיה שמח בחלקו תמיד.

פירט אויס ר' נתן: **ואל יבלבל אותו כלל, ואפילו חביריו שזוכים לתפלה ועבודה הרבה יותר ממנו, אל יפול מזה בדעתו כלל רק יהיה בשמחה תמיד, בכל נקודה ונקודה טובה שמרויח בתפלתו ועבודתו איך שהוא.**

דאס איז תמימות! דאס איז אמת! דאס איז וואס דער אויבערשטער וויל פון א מענטש אויף דער וועלט!

א מענטש וואס מעסט זיך צו ער איז מצליח אין תורה לויט ווי אזוי זיינע חברים זענען מצליח, גייט ער נישט 'בדרך הישר' התמימות והאמת נאר 'בדרך שקר', און אויף דעם דארף מען שרייען דרך שקר הסר ממני ותורתך חננו.

און עס איז א שקר! קוקן אויף א זאך, זאגן אז איך בין נישט מצליח אין לערנען, ווייל מיינע חברים זענען מער מצליח, איז א דבר שקר ועקמומיות- פארקערט פון תמימות.

זאגן - איך לערן נישט, פשוט איך לערן נישט, איז א גרויסע טענה, און אוודאי איז דער תשובה אויף דעם, נעם זיך צום לערנען.

אבער א מענטש וואס איז זיך מתייגע, און ער איז זייער שוואך מצליח, , האט אונז דער רבי קלאר געזאגט אז ער זאל זיין א 'שמח בחלקו'

## אין עולם הבא וועט ער פארשטיין

ווייטער דארף מען וויסן וואס עס שטייט אין **ספר המדות** (ערך לימוד ב' אות ח') **כל מה שלמד אדם בעוה"ז והיה נמנע אצלו על כוונת הלימוד בשלימות, יזכה להבין על אמיתותו בעולם הבא.**

א מענטש מוטשעט זיך אויף דער וועלט צו פארשטיין לערנען, וועט דאס אים בלייבן לנצח דער לימוד, און נישט סתם עס וועט אים בלייבן, נאר ער גייט דאס פארשטיין לעוה"ב.

דער אינגערמאן וואס אפילו ער מוטשעט זיך יעצט, גייט אבער האבן א הבנה אין כל התורה כולה אין אלעם וואס ער האט זיך געמוטשעט צו פארשטיין, און עס איז אים נישט געגאנגען.

און נאך מער איז מבואר אין **רבינו יונה** און נאך **ראשונים**, אז וואס א מענטש האט עוסק געווען בעולם הזה, און ער האט נישט אויסגעפירט, העלפט מען אים בעולם הבא אויסצופירן.

**ער טוט די ריכטיגסטער ליכטיגסטער זאך אויף דער וועלט שאין דוגמתו, עס איז נישטא קיין גרעסערע זאך ווי דאס וואס ער טוט!.**

## וואס איז די ריכטיגע 'סימן ברכה'

אבער עם כל זה, ווילן מיר צו לייגן נאך אביסל חיזוק צו דעם,אין דער ענין פון תורה איז דאך דא אזוי, עס איז דא - די תורה בכלל, די עצם ידיעת התורה, און עקסטער האבן חז"ל גאר שטארק מפליג געווען אויף דער חשיבות פון 'יגיעת התורה'.

## די עיקר מעלה פון תורה איז די 'יגיעת התורה'

יגיעת התורה איז אן מיוחד'יגער כח טהרה עצום, עס איז באקאנט וואס דער **חזון איש** זאגט, אז דער עיקר פון אלע מעלות פון תורה איז די חלק היגיעה.

און כעין זה איז אויך משמע פון **ר' אברהם בן ר' נחמן** אין די הקדמה פון ספר **ביאור הליקוטים.**

די חז"ל זאגן אויפן פסוק "זֹאת הַתּוֹרָה אָדָם כִּי יָמוּת בְּאֹהֶל"[במדבר י"ט, י"ד.] אז אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה.[שבת פ"ג:] דאס איז די קיום התורה, די גרויסקייט פון תורה, "אם בחוקותי תלכו" - [זאגט רש"י] שתהיו עמלים בתורה, דאס הייסט - יגיעת התורה.

דער רבי זאגט א לשון אין תורה ק"א (קמא): "**צריך האדם להתייגע בתורה ולהמית עצמו עליה כמו שאמרו חז"ל אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה**".

"כי צריך להתייגע בתורה עד שיזכה להבין אותה ואז נקרא אדם" זאגט דער רבי, "כי עיקר השם אדם זוכים ע"י התורה אנפין נהירין", און דורכדעם ווערט ער ריין פון אלע מידות ותאוות רעות, מען דארף האבן יגיעה וטירחה.

**דער יגע בתורה שטייט אלפים מדריגות העכער ווי דער למדן דער גוטער קאפ**

מען דארף וויסן א מבהיל'דיגע זאך, עס קען זיין אז עס זאל זיין א בעל כשרון מיט א ריזיגע קאפ, וואס כאפט מיט א ווינק א ראשון, א תוס', א סוגיא. עכ"פ - אזוי רעדט ער זיך איין.. און ער האט דאס ארויס, און ער רעדט אין לערנען. עס גלאנצט ארום אים, און ער שטייט 'אלף אלפים מדרגות קלענער' ווי דער טייערער יונגערמאן, וואס איז א יגע בתורה. ער מוטשעט זיך אויף תורה!!.. אזא קדושה פון א איד! ער מוטשעט זיך אויף תורה! ער האט יגיעת התורה!

ער איז זיך 'ממית עליה', און ער האט אפילו נישט דעם געשמאקן געפיל מיט וואס אלע וואס פארשטייען און ענדיגן דרייען זיך ארום, מיט - אזא כבוד געפיל, לאמיר זאגן אז מען מעג האבן דעם געפיל אז דאס מיינט דער שלא לשמה, וואס מתוך שלא לשמה בא לשמה - אויב ער מיינט נישט לקנטר, אבער דאך איז עס אסאך אסאך ווייניגער ווי א מענטש וואס האט יגיעה, ער האט יגיעה אן קיין שום טעם, ער איז זיך מתייגע אויף תורה.

מי ישער גודל מעלתו, מי ישער רוממות קרבתו לאלקים! ער איז א יגע בתורה. עס לייגט זיך אים אפשר נישט אזוי געשמאק דער טיטל, ווייל דער טיטל 'יגע בתורה' משל'ט ער זיך אויס גרויסע ידענים, בקיאים ועמקנים, אבער דאס איז דער אמת - ער איז א יגע בתורה!

## ער קען איין משנה?...

מען האט אמאל געפרעגט פונעם סטייפלער, אויף א געוויסע בחור צו מען זאל אים ארויסשיקן פון ישיבה ארבעטן, ווייל עס שטייט אין חז"ל אז ווער עס זעט נישט קיין סימן ברכה בלימודו נאך פינף יאר, זאל ארויסגיין ארבעטן.

האט ער געפרעגט: "דער בחור קען א משנה? איין משנה קען ער פון ווען ער איז אריינגעקומען אין די ישיבה?"

זאגט מען אים: "יא, איין משנה קען ער זיכער."

האט זיך דער סטייפלער צוקאכט, **אויב אזוי הייסט דאס נישט 'אינו רואה סימן ברכה בלימודו'?! ער קען דאך א משנה!...**

וואס מער א תורה קומט מתוך צער, איז דאך דאס דער גאנצער ציהל . די עיקר איז ווען עס קומט מתוך יגיעה, מתוך צער.

דער רבי איז מפליג אויף דעם. אז תורה מתוך הדחק איז מבטל 'אלע' סארט קטרוגים, ער לערנט תורה מתוך הדחק, ער מוטשעט זיך, ער פייניגט זיך פאר תורה.

ר' נתן שרייבט אין א בריוו אין עלים לתרופה (מכתב רע"א) פאר זיין זון, אויף איינע פון זיינע תלמידים ר' יעקב, אז ער האט נאכגעלאזט פון זיין לערנען אין צייטן פון צרות. זאגט ער אים, **כלך מדרך זו חביבי וידידי, הימים שאבדת בלא תורה, שיכולת לחטוף מתוך היסורים דייקא, זה אבידה שאינה חוזרת.**

אזא סארט זאך, וואס דו לערנסט תורה מתוך יסורים - איז דען דא גרעסערע יסורי הנפש ווי א מענטש וואס זעט אז ער איז נישט מצליח, ווי די וועלט שטעלט פאר וואס עס הייסט הצלחה, און ער מוטשעט זיך ווייטער?!

**אויב נאכלאזן אזעלכע תורה איז אן אבידה שאינה חוזרת, איז לערנען אזא תורה א מציאה שאינו בדומה לה בעולם!! אשרי חלקך, עס איז דיר מקנא צו זיין, אלע דארפן מקנא זיין א מענטש וואס שטייט און מוטשעט זיך, נאר אויף קדושת התורה.**

דאס וואס ער פרעגט וועגן דעם ענין פון כולל, צו דאס הייסט א גניבה, לכאורה דארף מען שיקן א מענטש וואס זאל פרעגן דעם ראש הכולל אויף א שיינעם אופן. איך שטעל מיר פאר אז נאך צען יאר קען שוין דער ראש הכולל זיינע תלמידים...

עס איז אביסל א פלא צו זאגן אז ער האט עס נאכנישט באמערקט, און ער האט דאס מצליח געווען צו באהאלטן די גאנצע צען יאר...

און אויב פונדעסטוועגן האלט ער אים נאך אלץ אין כולל ווייל ער ווייסט אז ער איז אן ערנסטער יונגערמאן, און דאס איז טאקע גאר א גרויסע דוגמא וואס עס דארף זיין אין א כולל - אזא זאך, און עס זאל זיין אז ממנו ילמדו וכן יעשו. עס לוינט פארן ראש הכולל אים צו האלטן און צו צאלן 'דאפעלט' פון וויפיל ער צאלט פאר א צווייטן! אז א מענטש איז א יגע בתורה באמת לשמה, אן קיין שום זאך, נאר ווייל ער וויל זיין קשור צו קדושת התורה, מען דארף זיך גאר שטארק מחיה זיין מיט דעם, ולהיות שמח בחלקו.

אזוי האט מיר דער אויבערשטער געגעבן מיין יגיעה. דא אויף דער וועלט איז דאס אזוי, אבער אויף יענער וועלט וועל איך זוכה זיין בלי גבול.

אבער יעצט אז ער האט מיר דאס געגעבן, וויל איך נישט קוקן אויף קיינעם! איך וויל זיין גאר פריילעך מיט דעם!

## נישט כאפן מיט א בהלה אן א חשבון

איך וויל נאך צולייגן א נקודה, וואס קען זיין אז עס וועט העלפן בסייעתא דשמיא.

דער רבי זאגט אין שיחות הר"ן (סימן כז) אויף דעם ענין פון מתינות, 'אל תהי נבהל' – ווען וועל איך קענען מקיים זיין די אלע עבודות, און אזוי ווייטער.

**כי צריך לבל להיות מבוהל לחטוף הכל בבת אחת, רק לילך בנחת בהדרגה מעט מעט, ולא שיהיה מבוהל ומבולבל שרוצה לקיים הכל הכל בבת אחת, ומחמת זה נתבלבל לגמרי.**

דער רבי זאגט, אז מען זעט אמאל ביי א שריפה, אז מחמת בהלה כאפט מען וואס מען דארף נישט, נאר מען דארף זיך פירן בהדרגה מעט מעט, **ואם לפעמים אינו יכול לעשות כלל, מה לעשות, אונס רחמנא פטריה, וירגיל לכסוף ולהשתוקק להשי"ת תמיד, כי ההשתוקקות והכיסופין הם דברים גדולים מאד רחמנא לבא בעי.**

דער משמעות פון הייליגן רבין איז, אז א מענטש ווען ער וויל אלעס כאפט ער גארנישט, און אפילו די ביסל וואס ער קען יא טון, ווערט ער אויך פארטומלט.

און מען דארף זיין גאר רואיג מיט דעם, גיין מעט מעט בנחת בהדרגה, און וואס עס גייט נישט זאל ער בלייבן מיט כיסופין.

איך מיין אז עס איז כדאי פאר דעם טייערן שואל זיך מתבונן צו זיין, צו ער ליידט נישט אויך פון דעם, פון די פרעשור וואס ער האט, פון דעם ווייל אלע זענען מער פון אים און ער יאגט גארנישט אן.

און ער פילט א גאנצע צייט, אז איך לייד פון דעם וואס איך האב נישט קיין קאנצענטראציע. דאס אליין לייגט אים אריין אין בלבולים, אז איך וויל שוין עפעס כאפן, אבער ווייטער זע איך אז איך פארשטיי גארנישט.

זיך רואיג און זיי גאר פרייליך, מיט א מורא'דיגע רואיגע מח, און ווען עס קומט אינמיטן און עס הייבט אן דריקן אויפן הארץ, זאלסטו זיך פשוט אויסטשוכן פון דעם, און זאגן צו זיך: 'דאס האט מיר דער אויבערשטער יעצט באשערט'.

מאך אפ ביי זיך, איך וויל פארשטיין נאר די איין קשיא פון די גמרא, איך דארף מער גארנישט, איך דארף נישט קיין תוס', קיין רש"י, איך דארף גארנישט.

## איך וויל נאר פארשטיין איין קשיא פון די גמרא

איך וויל איין זאך, איך וויל פארשטיין די קשיא. אז איך האב פארשטאנען א קשיא איז אשרי חלקי. היינט האב איך פארשטאנען א קשיא פון די גמרא. יעצט וועט מען גיין צום תירוץ. אויב איך פארשטיי דעם תירוץ, מה טוב, און אז נישט, איז ברוך השם איך האב היינט פארשטאנען א קשיא פון די גמרא, א גאנצע קשיא האב איך פארשטאנען.

א שורה, נאך א שורה, בהדרגה רואיג צוביסלעך, נאך א טראפעלע ברוך השם פאר דעם.

ר' נתן[ח] איז שוין מרמז אין דער הקדמה פון ליקוטי הלכות, אז ווען מען וויל לערנען לאנגע זאכן, פארטומלט מען זיך, ווייל מען וויל כאפן דאס גאנצע.

עס איז א חכמת הנפש צו זיצן רואיג. און טאמער נישט, איז נישט! האב איך אבער געהאט כיסופין אויף דעם, בין איך געבליבן מיט דעם רצון. דאס איז אויך א געוואלדיגע זאך, זאגט ער, **כי ההשתוקקות והכיסופין הם דברים גדולים מאוד.**

**לאמיר נאר מסכם זיין אין א ווארט: די עצם ידיעה וואס ער איז קונה, דאס אליינס איז א געוואלדיגע הצלחה, און ער וועט פארדינען לעולם הבא גאר אסאך!**

ער דארף גאר שטארק שעצן וואס ער פארדינט און זיך נישט לאזן מעסטן מיט אנדערע, נאר גאר שטארק שעצן די יגיעה.

עס איז כדאי צו זען דעם בריוו (מכתב ס"ד) אין עלים לתרופה. ר' נתן טייטשט דארט, ער רעדט ארום איבער די גרויסקייט און די שטארקייט פון יגיעה, "יגעתי ומצאתי תאמין".

זאגט ער, וואס הייסט "תאמין"? וואס דארף מען גלייבן? קוק צו דו האסט געטראפן אדער נישט?

**זאגט ער, יכול להיות שבאמת יגע הרבה, אבער, ונדמה לו שלא מצא כלל, ומחמת זה אומר יגעתי ולא מצאתי, אל תאמין לו, זאגט ער, רק יגעתי ומצאתי תאמין, אע"פ שאין בידו מאומה מה שמצא, תאמין באמונה שלימה שבוודאי מצא הרבה, כי**

[ח] וזה ברור וידוע לכל משכיל, שבכל המקומות שנמצא בספרים קדושים חידושים וביאורים באריכות גדול הן בגמרא ותוספות הן בספרי קבלה ופרד"ס כמו בספרי הש"ך על הח"מ או בספרי שאלות ותשובות הבאים בדרך ארוכה מאד, או בספרי האר"י ז"ל, שכל דרוש ודרוש מתרחב והולך מאד. ועל פי רוב הדרוש שבסוף מקושר מאד להדרוש שלפני כמה וכמה דפין. ומי שבקי היטב בכתבי האריז"ל, מבין שכמעט כל הספר עץ חיים ופרי עץ חיים הם דרוש אחד גדול כל כך. בכל מקומות הבאים בארוכה כאלה, חלילה להמעיין להתבהל ולפחוד איך אפשר לתפוס במוח ושכל דרוש ארוך מאד כזה. כי על זה נאמר ועיני כסיל בקצה הארץ כמו שפירש רש"י שם עיין שם. אבל החכם אומר היום אלמוד מעט ומחר מעט וכו' כמבואר שם בפירוש רש"י עיין שם. וזה הענין צריכין בני הנעורים לידע מאד. וחובה על מוריהם ורביהם להודיעם זאת, לבל יתבהלו ויפחדו כלל מדרושף או חידוש ארוך. רק ישימו עיניהם ולבם עליו כסדר מעט מעט. ויקשרו בתחלה ענין אחד עד שיבינו ~ אותו קצת, ואחר כך ילכו להלן כסדר בהדרגה מחידוש לחידוש ומענין לענין עד שיגמרו עמוד או דף אחד. וכן ילכו כסדר בכל פעם מענין לענין בלי בהלה ובלבול. ואז יבואו על מקומם בשלום, ויוכלו להבין אפילו דרוש ארוך מאד, אפילו מי שאינו מופלג ביותר.

**יש הרבה שאין מראין להם מה שמצאו עד הסוף, וגם אם לא מצא כלל עדיין, אבל מצא הרבה ע"י חיפוש ויגיעה לבד, כי היגיעה והחיפוש לבד אינו נאבד בשום אופן, רק יגעתי ומצאתי תאמין.**

און ער זאגט דארט בפירוש אז דאס מיינט די יגיעה בעבודה בתורה ובתפלה, דער רצון, דער חיפוש, די געגועים.

**די יגיעה איז גאר גאר טייער. גאר טייער! דער אינגערמאן איז א רייכער יונגערמאן!** ר' נתן זאגט דארט דעם לשון, **אנו מאמינים באמת שלא יהיה היגיעה לריק, כי מה שמרוויחים ע"י היגיעה והחיפוש לבד בתורה ובתפילה, אפילו כל זמן שאין מוצאין, הריווח בלי שיעור יותר מכל הון דעלמא, עין לא ראתה, וכל שכן שמובטחים שבוודאי נזכה למצוא הכל סוף כל סוף אם יחפש ויבקש תמיד.**

דער יונגערמאן פארדינט יעדן טאג יותר מכל הון דעלמא. ער דארף ארומגיין מיט א חיות, מיט א שמחה. יגעתי ומצאתי - תאמין שמצאת.

דאס גייסטו אוועקגעבן אויף ארבעטן?! בעצם דארף ער נישט גיין ארבעטן, נאר ווייל ער מיינט אז ער האט נישט קיין תועלת וויל ער גיין. דו ווייסט וואס פארא תועלת דו האסט?! יותר מכל הון דעלמא! סיי דאס וואס דו האסט שוין, און סיי די עצם יגיעה.

עס איז אויך דא סגולות צו פארשטיין לערנען. דער רבי זאגט אין תורה ז' [קמא], עס ווערט אויך געברענגט אין ליקוטי עצות ערך ברית (אות ה').

דער רבי זאגט דארט אז דורך קדושת ציצית, אז מען איז מכוין ביי די ברכה און נאכדעם ביי די עטיפה, אז מען זאל זוכה זיין צו שמירת הברית און צו עצות טובות ואמיתיות, וועט ער זוכה זיין צו דעם, און צו אמונה און צו ארץ ישראל, קירוב הגאולה.

און ער פירט אויס, **'ויזכה להבין בכל מקום שילמוד ויתגלה לו כל החכמות כשולחן ערוך'.**

עס איז א גרויסע סגולה. עס איז כדאי צו ניצן די סגולה אויך.

און ווייטער דארף מען האבן די רואיגקייט, און די שמחה, און געדענקען צו זיין א שמח בחלקו.